בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

## עֶסְן נָאר כָּשֵׁר׳ס

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

מעשה 8

דֶער בָּחוּר הָאט דֶערְשְׁרָאקֶענֶערְהֵייט מוֹדֶה גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹדֶה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן עֶסְן מִילְכִיגְס וֶוען אִיךְ בִּין פְלֵיישִׁיג, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ מִילְכִיגֶע שָׁאקָאלַאד אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אִיךְ עֶס דָאס אוֹיךְ וֶוען אִיךְ בִּין פְלֵיישִׁיג״.

דִי גַבָּאִים פְרֶעגְן דֶעם צַדִיק: ״וִוי אַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק גֶעוִויסְט אַז דֶער בָּחוּר עֶסְט בָּשָׂר בְּחָלָב?״

זָאגְט דֶער צַדִיק: ״אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין פָּנִים אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף זַיין פָּנִים אַ צִיגֶעלֶע, אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, אַז וֶוער עֶס עֶסְט בָּשָׂר בְּחָלָב – וֶוערְט זַיין פָּנִים וִוי אַ פָּנִים פוּן אַ צִיגֶעלֶע, מֶען פַארְלִירְט דִי מֶענְטְשְׁלִיכֶע פָּנִים״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען דַארְף עֶסְן נָאר כָּשֵׁר׳עֶ עֶסְן, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶסְן בָּשָׂר בְּחָלָב, אֲפִילוּ קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, אוּן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אַ צַדִיק.

צו הערן די מעשה דערציילט דורך דער ראש ישיבה שליט״א אין ׳קול ברסלב׳
טלפון: 079-70-400-66 שלוחה - 1.5.2.1

## עֶסְן נָאר כָּשֵׁר׳ס

אַלֶע בָּחוּרִים גֵייעֶן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַלֶע זֶענֶען אָנְגֶעטוּן מִיט דִי הוּט אוּן רֶעקְל אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט, מֶען גֵייט אַרוֹיף דִי טְרֶעפּ פוּן דִי דִירָה פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי חַיִים קַנִיֶיבְסְקִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, קֵיינֶער שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט, יֶעדֶער וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם צַדִיק.

דֶער צַדִיק וִויל נִישְׁט מְבַטֵל זַיין פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוינְטְשְׁט עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם אִין קוּרְצְן: ״בּוּהַא״, דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ״בְּרָכָה וְהַצְלָחָה״, אַזוֹי קֶען עֶר שְׁנֶעלֶער צוּרִיק גֵיין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אֵיין בָּחוּר בַּאקוּמְט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, דֶער צַדִיק קוּקְט אַוֶועק אוּן וִויל אִים נִישְׁט וִוינְטְשְׁן, דֶער בָּחוּר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל



אַרִיבֶּער צוּ גֵיין, דֶער צַדִיק גֶעבְּט אַ קוּק אוֹיפְן בָּחוּר אוּן קוּקְט גְלַייךְ אַוֶועק, עֶר וִויל אִים נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן, דִי גַבָּאִים זָאגְן: ״דֶער בָּחוּר הָאט נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה״, דֶער צַדִיק זָאגְט: ״וִוי קֶען אִיךְ גֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶסְט בָּשָׂר בְּחָלָב? פַאר אֵיינֶער וָואס עֶסְט מִילְכִיגְס וֶוען עֶר אִיז פְלֵיישִׁיג - גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין בְּרָכָה!״